— איך בין געווען אין אַ גרויסן פֿינצטערן וואַלד. אין דזשאָנגל. פּלוצעם האָב איך דערזען אַ קליין מײַזעלע. האָב איך זיך איבערגעשראָקן און געוואָלט אַנטלאָפֿן. מיט אַ מאָל וואַקסט דאָס מײַזעלע אויס אין אַ קאַץ. האָב איך געוואָלט אַנטלויפֿן פֿון דער קאַץ. וואַקסט אָבער די קאַץ אויס אין אַ בייזן הונט. האָב איך געוואָלט אַנטלויפֿן פֿונעם בייזן הונט, וואַקסט דער הונט אויס אין אַ בער. האָב איך געוואָלט אַנטלויפֿן פֿונעם בער, וואַקסט דער בער אויס אין אַ העלפֿאַנד...

קלעפּטשיק־בעבטשיק ציטערט שוין אַזוי שטאַרק, אַז ער קען מער ניט רעדן.

באַרויִקט אים איינער אַ קלוגער מענטש:

— דו האָסט מסתּמא געזען אַ בייזן חלום.

— ניין, ס'איז ניט געווען קיין חלום! — ענטפֿערט קלעפּטשיק־בעבטשיק.

— וואָס זשע זאָל עס געווען זײַן? — פֿאַרשטייט ניט איינער אַ קלוגער מענטש.

— אַ ליגן... — האָט שווער געזיפֿצט קלעפּטשיק־בעבטשיק.

ער ציט אַרײַן זײַן קאָפּ אינעם בוזעם און רעדט שוין פֿון דאָרטן:

— אַ גרויסער שרעקלעכער ליגן... און איך קען פֿון אים ניט אַנטלויפֿן...


МЁД

# אַ זיסער חלום

קלעפּטשיק־בעבטשיק ליגט אויף אַ גרויסן לעפּל און גענעצט.

— דו ווילסט שלאָפֿן? — פֿרעגט אים איינער אַ קלוגער מענטש.

— יאָ... און עסן אויך.

קלעפּטשיק־בעבטשיק בלאָזט אָן זײַנע באַקן און רעדט ווײַטער:

— נעכטן בײַ נאַכט האָב איך געזען אַ גרויסן זיסן חלום.

— ווי אַזוי האָט דײַן חלום אויסגעזען? — פֿרעגט ווידער איינער אַ קלוגער מענטש.

— איך האָב געזען אַ פֿאַס מיט האָניק. — ענטפֿערט קלעפּטשיק־בעבטשיק. — האָב איך געוואָלט דעם האָניק פֿאַרזוכן.

— האָסטו אים פֿאַרזוכט? — פֿרעגט איינער אַ קלוגער מענטש.

— ניין. איך האָב זיך געכאַפּט, אַז כ'האָב פֿאַרגעסן מיטנעמען אין חלום מײַן גרויסן לעפּל.

— דערפֿאַר ליגסטו איצט אויפֿן לעפּל?

— יאָ. איך וואַרט, אַז הײַנט זאָל איך ווידער זען אין חלום די זעלבע פֿאַס מיט האָניק.

— ווייסטו וואָס, — גיט אים אַן עצה איינער אַ קלוגער מענטש, — גרייט זיך צו אַ גלאָז וואַסער אויך.

— צו וואָס?

— נאָכן עסן האָניק וועסטו זיכער וועלן טרינקען.



קיַיגומי מיטן צונאָמען קלעפּטשיק־בעבטשיק איז אַ פֿרייַער פֿויגל. אַזוי רופֿט מען אים צוליב זייַנע צוויי גרויסע טאַלאַנטן: זיך צוקלעפּן און פּלאַפּלען אָן אַ שיעור. ער האָט זייער ליב וואַנדערן. ער קלעפּט זיך צו צו איין שוך און וואַנדערט. דערנאָך קלעפּט ער זיך צו צו אַן אַנדער שוך און וואַנדערט ווייַטער. הייַנט איז ער דאָ, מאָרגן איז ער דאָרט. די וועלט איז גרויס. קלעפּטשיק־בעבטשיק איז זייער אַ באַליידעוודיקער. ווען ער באַליידיקט זיך, בלאָזט ער זיך אָן, ווי אַ באַלאָן. ער קלאָגט זיך, אַז פֿריִער האָבן אַלע געוואָלט זיך מיט אים חבֿרן — קליין און גרויס, קינד־און־קייט. געקייַט, געסמאָטשקעט, זיך געשפּילט, ווידער געקייַט, געסמאָטשקעט און צום סוף, אים אויסגעשפּיגן גלייַך אויף דער גאַס. איצט גלייבט ער קיינעם ניט. ער בלאָזט זיך און קלאָגט זיך אויף אַ קול. בייַ אים הייסט עס, צו רעדן מיט איינעם אַ קלוגן מענטש — מיט זיך אַליין. ווילסט אויך הערן זייַנע קלאָג־מעשׂיות? נעם אַרויס פֿון דייַן מויל די קייַגומי, וועסטו זיי בעסער הערן.



קײַגומי
קלעפּטשיק־
בעבטשיק

בײַ די לעצטע װערטער האָט אליהו פֿאַרריסן זײַן צעקנײטשטן שנוק צום הימל און אַרױסגעלאָזט אַ הילכיקן לאַנגן געברום. און פֿלוצעם זײַנען פֿון דעם גראַמאָפֿאָן, דורך דעם גרױסן אױער, אָנגעהױבן אַרױספֿליִען פֿייגעלעך. צװײ און צװאַנציק פֿייגעלעך, און יעדעס פֿייגעלע האָט אױסגעזען אַנדערש. אַ געפֿלעפֿטער, האָט עלי געשעפּטשעט: "משפּחה אַלף־בית!..."

ער האָט געקוקט װי די פֿייגעלעך שװעבן אין דער לופֿטן. אין שפּיץ פֿון דער כאָפּטע פֿייגעלעך־אותיות האָט ער דערקענט דאָס פֿייגעלע פֿון זײַן חלום – אַלף.

אַלע קינדערלעך־חיהלעך האָבן אָנגעהױבן פּאַטשן "בראַװאָ", װי זײ װאָלטן געזעסן אין צירק און געזען אַ מעשׂהדיקע פֿאָרשטעלונג. דער אַלטער אליהו האָט נאָך אָבער ניט פֿאַרענדיקט מיט זײַנע שײנע קונצן. ער האָט װידער פֿאַרריסן זײַן שנוק און שױן צװײ מאָל הױך אױסגעטראָמבעט. די קרױנען פֿון די אַלטע דזשאָנגל־בײמער אַרום דער זוניקער לאָנקע האָבן אָנגעהױבן זיך שטיל הױדען. און ס'איז געשען אַ נס. הונדערטער און אפֿשר טױזנטער דראַקאָנען־שמעטערלינגען האָבן פֿאַרפֿלײצט די זוניקע לאָנקע. זײ זײַנען געװען פֿון פֿאַרשײדענע קאָלירן: רױטע, אָראַנזש, געלע, גרינע, בלױע, טונקלבלױע, פֿיאָלעטע. ס'האָט אױסגעזען, אַז אַ רעגן־בױגן האָט זיך צעשפּרײט אױפֿן גרינעם גראָז, װי אַ כּישוף־טעפּעך.

גרױס איז געװען עליס פֿרײד, װען אױפֿן שפּיץ פֿון זײַן שנוק האָט זיך אַראָפּגעלאָזט זײַן אַלטער באַקאַנטער בלױער דראַקאָן דלת.

– שלום־עליכם, דלת! – האָבן געקװעלט עליס אױגן.

– עליכם־שלום! – האָט אים געענטפֿערט דראַקאָן־שמעטערלינג, – זעסט, איצט בין איך ניט עלנט. איך בין געקומען צו פֿליִען מיט מײַנע פֿרײַנד. זײ טראָגן אַלע די נעמען פֿון אַלף־בית. מיר זײַנען אײן גרױסע משפּחה.

יענע נאַכט האָט העלפֿאַנדל עלי לאַנג ניט געקאָנט אַנטשלאָפֿן װערן. ער איז געלעגן אױף זײַן געלעגער און געקוקט אַרױף, דורכן קלײנעם פֿענצטערל אױפֿן דאַך פֿון זײַן צימער. װײַט, װײַט אױבן האָט צו אים אַראָפּגעפֿינקלט זײַן באַקאַנט שטערנדל. עלי האָט נאָך דעמאָלט ניט געװוּסט, אַז אױך אין דער װעלט פֿון שטערן זײַנען דאָ שטערנדלעך, װאָס מע רופֿט זײ מיט די נעמען פֿון ייִדישן אַלף־בית.



*"אַלף, בית, גימל —*
*פֿליט אַ טויב אין הימל,*
*דלת, הא, וואָוו —*
*קומט דער שפּיל אַ סוף,*
*זין, חית, טית, יוד —*
*גיי איך זוכן, באַהאַלט זיך גוט!*

די חיהלעך זײַנען שוין אַזוי צוגעוווינט געוואָרן צו זייערע נײַע נעמען, אַז ווען די מאַמעס פֿלעגן זיי רופֿן אַהיים, האָט קיינער זיך ניט אָפּגערופֿן אויף זײַן אמתן נאָמען. נאָך מער: עס פֿלעגט טרעפֿן, אַז די קינדער, די עלטערן זאָלן ניט פֿאַרשטיין וועגן וועמען זיי סודען זיך, האָבן אָנגערופֿן זייערע חבֿרים מיט די נעמען פֿונעם אַלף־בית.

איין מאָל איז עלי געקומען אויף דער לאָנקע אין איינעם מיט זײַן זיידע. אַלע חיהלעך האָבן אויפֿגעהערט זיך שפּילן און דעם אַלטן אליהו אַרומגערינגלט. ער האָט זיי געבעטן זיך זעצן אויפֿן גראָז און צו זיי געזאָגט אַזוי:

– הײַנט איז בײַ מיר דער זוניקסטער טאָג אין מײַן לעבן. כ'האָב געמיינט, אַז מײַנע גרויסע אַלטע אויערן וועלן שוין מער קיין מאָל ניט הערן אַ ייִדישן אות. אַז די שיינע קלאַנגען פֿון מײַן קינדשאַפֿט און יוגנט זײַנען געבליבן פֿאַרטויבט אויף שטענדיק. איצט זע איך, כ'בין געווען ניט גערעכט. אַז מע לעבט, דערלעבט מען... אָט דאָס איז ייִדיש!

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו זײַן אייניקל, און אַלע האָבן דערזען, אַז לעבן עליס פֿיס שטייט אַ מאָדנע קעסטעלע, פֿון וועלכן עס שטעקט אַרויס אַ גרויסער בלעכענער אויער. נאָר לייבעלע אַריה האָט געוווּסט, אַז די זאַך הייסט גראַמאָפֿאָן.

עלי האָט אַ דריי געטאָן דאָס הענטל בײַ דער זײַט פֿונעם גראַמאָפֿאָן און איבער דער זוניקער לאָנקע האָט זיך דערהערט דאָס שיינע לידעלע וועגן "ייִדיש":

*אויפֿן פּריפּעטשיק ברענט אַ פֿײַערל*
*און אין שטוב איז הייס,*
*און דער רבי לערנט קליינע קינדערלעך*
*דעם אַלף־בית...*



# אַ חגא אויף דער זוניקער לאָנקע

אויף דער זוניקער לאָנקע איז, ווי שטענדיק, געווען זשומיק און פֿריילעך. אַז העלפֿאַנדל עלי לערנט דעם אַלף־בית, האָט מאַלפּעלע מאַניע צעפּויקט אַלע זײַנע חבֿרים. זי האָט שוין געוווּסט, אַז איר נאָמען הייבט זיך אָן פֿונעם אות ״מם״. מאַניע האָט דערמיט זייער שטאָלצירט און געהייסן אַלעמען זי רופֿן נאָר ״מם״.

איצט האָבן אַלע עליס פֿרײַנד פֿון דער זוניקער לאָנקע געוואָלט אויך האָבן אַ קורצן און שיינעם נאָמען פֿונעם אַלף־בית. אין אַ טאָג איז עלי אַרויף אויפֿן סאַמע שפּיץ פֿון דעם זוניקן בערגל און געהייסן זײַנע פֿרײַנד זיך אויסשטעלן אַרום אים. מיט זײַן שנוק האָט ער אָנגעוויזן יעדעס מאָל אויף אַן אַנדער חבֿרל און הויך אויסגערופֿן זײַן נײַעם נאָמען:

– הירש־הערשעלע – ״הא״, וואָלף־וועלוועלע – ״וואָוו״, זעברעלע־זעלמע – ״זיין״... – און אַזוי אַן אות נאָך אַ אות.

ווען ס׳איז געקומען צום צווילינג פֿיקסלעך – איין פֿיקסל האָבן אַלע גערופֿן מיטן צונאָמען ״געלער״, און דאָס צווייטע פֿיקסל – ״רויטער״, – האָט עלי זיך אויף אַ רגע פֿאַרלוירן. ער וואָלט זיי אַוודאי ביידע געדאַרפֿט אָנרופֿן מיטן אות ״פֿא״. אינעם אַלף־בית איז אָבער דאָ נאָר איין אות ״פֿא״. וואָס זשע טוט מען מיטן צווייטן פֿיקסל? אין אַזעלכע שווערע פֿאַלן דערמאָנט זיך עלי אין זײַן זיידן. אויך איצט איז אַזוי געשען, און עלי האָט דערהערט ווי דער זיידע זאָגט אים: ״זאָל דער ׳געלער׳ זײַן אַ ׳פֿא׳ און דער ׳רויטער׳ – אַ ׳פּא׳!״ – און אַזוי איז געבליבן. איצט האָט מען שוין תּיכּף דערקענט, ווער איז פֿון זיי ווער, ווײַל איין פֿיקסל האָט מען גערופֿן ״פֿא״, און דאָס צווייטע פֿיקסל – ״פּא״.

די קורצע קלינגעוודיקע נעמען זײַנען זייער געפֿעלן געוואָרן די חיהלעך. באַזונדערס זײַנען זיי צו ניץ געקומען בײַם שפּילן זיך. די באַליבסטע שפּיל אויף דער זוניקער לאָנקע איז געווען ״באַהעלטערלעך״. די חיהלעך האָבן אין איר געשפּילט ווי אַלע קינדערלעך אויף דער וועלט. איין חיהלע האָט געזשמורעט, דאָס הייסט, פֿאַרמאַכט די אויגן, און די אַנדערע חיהלעך האָבן זיך באַהאַלטן. און דאָך, איז עס איצט אויף דער זוניקער לאָנקע פֿאָרגעקומען אַ ביסל אַנדערש. דאָס חיהלע, וואָס האָט געוואַרט ביז זײַנע חבֿרימלעך וועלן זיך באַהאַלטן, האָט אויף אַ קול אָנגערופֿן די ערשטע צען אותיות פֿונעם אַלף־בית:



אויגן. דאַרף מען אין זיי אַרײַנקוקן וועט זי אַוועק.“ האָט עלי אַזוי געטאָן. ער האָט זיך אויסגעדרייט און מיט זײַן לאַנגן שנוק ”אַרײַנגעקוקט“ אין דעם קוסט. צערוקט די צווײַגלעך, האָבן עלי און מאַניע דערזען זיצן אויף אַ בלעטל אַ הימל־בלויע באַשעפֿעניש.

– ווער ביסטו? – האָט געפֿרעגט דאָס מאַלפּעלע, אַרויסקוקנדיק פֿון הינטער עליס גרויסן אויער.

– איך בין דראַקאָן... – האָט שעמעוודיק געזאָגט דאָס קליינע באַשעפֿעניש.

– דראַקאָן? – האָבן עלי און מאַניע געפֿרעגט אין איין אָטעם.

מאַלפּעלע איז באַלד אַראָפּגעשפּרונגען פֿון עליס קאָפּ. עלי אַליין האָט זיך פּאַוואָליע צוגעשאַרט נענטער צום קוסט.

– דראַקאָנען זײַנען גרויסע און בייזע, – האָט זיך געחידושט עלי, – זיי שפּײַען מיט פֿײַער...

– יאָ, יאָ, – האָט אונטערגעכאַפּט מאַניע, – זייער גרויסע און זייער בייזע! און דו ביסט קליין און בלוי!

דער קליינער דראַקאָן האָט זיך צעוויינט. גרויסע טרערן זײַנען געפֿאַלן פֿון זײַנע בלויע אויגן.

– איך בין דראַקאָן אַ שמעטערלינג, – האָט ער זיך פֿאַרענטפֿערט, – איך האָב אַליין מורא פֿאַר פֿײַער. מײַנע פֿליגעלעך זײַנען זייער דין און וואָלטן באַלד פֿאַרברענט געוואָרן.

עלי האָט גלײַך רחמנות געהאַט אויפֿן דראַקאָן־שמעטערלינג און געזאָגט:

– מיר גלייבן דיר, אַיאָ, מאַניע?

– יאָ, יאָ... ווי זשע רופֿט מען דיך?

בלויער דראַקאָן־שמעטערלינג האָט אומעטיק אויפֿגעהויבן די אויגן צו עלין און מאַניען, און שטיל געזאָגט:

– קיינער רופֿט מיך נישט, ווײַל איך האָב נישט קיין פֿרײַנד...

– מיר וועלן זײַן דײַנע פֿרײַנד! – האָט זיך דערפֿרייט מאַניע.

– אמת, – האָט באַשטעטיקט עלי, – מיר וועלן דיך רופֿן ”דלת“!

– דלת, – האָט שיִער נישט אויסגעזונגען דראַקאָן־שמעטערלינג, – אַזאַ שיינער נאָמען!

דער בלויער דלת האָט אַ פֿאָכע געטאָן מיט זײַנע פּרעכטיקע, דינע פֿליגעלעך און אַוועקגעפֿלויגן, זיך גיך צונויפֿגעגאָסן מיטן בלויען הימל.

– און איצט קענען מיר שוין גיין זוכן מײַן אות? – האָט זיך אײַנגעשפּאַרט מאַניע.

– גוט, – האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ עלי, – אָבער פֿריִער לאָמיר פֿרעגן מײַן זיידן. צו גיין עפּעס זוכן, דאַרף מען וויסן אַהין דעם וועג.



– און וואָס איז מײַן אות?
איצט איז געקומען די צײַט, אַז עלי זאָל זיך פֿאַרטראַכטן.
– איך ווייס נאָך נישט... – האָט ער שטיל זיך אָנגערופֿן, – איך בין נאָך צו דײַן אות נישט דערגאַנגען.
מאַניע איז ממש אונטערגעשפּרונגען.
– פֿאַר וואָס זשע זיצן מיר דאָ, פֿאַר וואָס? – האָט זי אויסגעשריִען, – לאָמיר גיין!
– וווּהין גיין? – האָט עלי ניט פֿאַרשטאַנען.
– לאָמיר דערגיין צו מײַן אות!
עלי האָט געוואָלט דעם מאַלפּעלע דערקלערן, אַז פֿריִער דאַרף ער פֿאַרגעדענקען די אותיות, וואָס דער זיידע האָט אים אָנגערופֿן, און דערנאָך וועט ער קאָנען גיין ווײַטער.
– מע טאָר נישט איבערשפּרינגען די אותיות, – האָט געפּרוּווט דערווײַזן עלי, – זיי האָבן זייער סדר. אַזוי האָט געזאָגט מײַן זיידע.
מאַניע האָט אים שוין נישט געהערט. זי האָט זיך אַרום עלין גיך אַרומגעדרייט און געהאַלטן אין איין קלאָגן זיך:
– אַזוי איז שטענדיק! ווען עס קומט צו מיר, געפֿינט זיך אַ תּירוץ. דאָס צעבאַלעוועטע לייבעלע אַריה – איז אויפֿן ערשטן אָרט. דאָס פֿוילע בערעלע – איז אויפֿן צווייטן אָרט. די בייזע גאַנדז – איז אויפֿן דריטן אָרט, און אַפֿילו דער שרעקלעכער דראַקאָן... – און פּלוצעם איז מאַלפּעלע מאַניע אַנטשוויגן געוואָרן.
זי איז איינס־צוויי אַרויפֿגעשפּרונגען עלין אויפֿן קאָפּ. זי האָט זיך באַהאַלטן הינטער זײַן גרעסערן אויער, און אים אַרײַנגעשושקעט:
– עמעצער זיצט אין די קוסטעס...
– ווו?
– דאָרט, ווו דײַנע הינטערשטע פֿיס שטייען.
עלי האָט זיך געוואָלט אויסדרייען, אַז זײַנע פֿעדערשטע פֿיס זאָלן זיך שטעלן אויפֿן אָרט, ווו עס שטייען איצט די הינטערשטע פֿיס. נאָר מאַלפּעלע מאַניע האָט אָנגעהויבן אויף אים צישען:
– ריר זיך נישט פֿון אָרט. דאָס עפּעס קאָן זיך נאָך, חלילה, אויף אונדז אַרויפֿוואַרפֿן!
עלי האָט מאַניען נישט געפֿאָלגט. ער האָט געדענקט ווי זײַן קלוגער זיידע אליהו האָט אים געלערנט: ''די מורא האָט גרויסע



# דאָס מאַלפּעלע מאַניע און דער בלויער דראַקאָן

אַ גליקלעכער, וואָס זײַן זיידע אליהו האָט אים אויסגעלערנט עטלעכע ערשטע אותיות פֿונעם אַלף־בית, האָט עלי געהאַלטן זיי אין איין איבערחזרן. אַז קיינער זאָל אים ניט שטערן, האָט ער זיך אויסגעזוכט אין דזשאָנגל אַ שטיל ווינקעלע. ער איז געזעסן אויפֿן פּניאָק אונטער אַ פּאַלמע און אויסגעשריִען אויף אַ קול: אַריה־אַלף, בערעלע־בית, גענדזעלע־גימל...

דער זיידע האָט אים געהאַט דערקלערט: ״אַלץ, וואָס עס לעבט אויף דער וועלט, האָט אַ נאָמען. יעדער נאָמען הייבט זיך אָן פֿון אַן אייגענעם אות. דערמאָן זיך די נעמען פֿון דײַנע פֿרײַנד, וועט דיר זײַן גרינגער פֿאַרגעדענקען דעם אַלף־בית!״

האָט עלי אַזוי געטאָן. ווען עס איז געקומען צו דעם אות ״דלת״, איז בײַ אים אַרויסגעפֿלויגן פֿונעם מויל דאָס וואָרט ״דראַקאָן״. ער האָט אַזש אויפֿגעציטערט. עלי אַליין האָט אַ לעבעדיקן דראַקאָן קיין מאָל נישט געזען, און זײַן פֿרײַנד איז ער אויך נישט געווען. ער האָט נאָר געהערט, ווי דער אַלטער טיגער תּרח האָט דערציילט, אַז אַמאָל, אַמאָל האָבן אין די בערג געוווינט דראַקאָנען. זיי זײַנען געווען גרויסע און בייזע. בײַ נאַכט פֿלעגן זיי אַרויספֿליִען פֿון די היילן און אָנפֿאַלן אויף חיות. זיי האָבן פֿאַר קיינעם נישט מורא געהאַט. זיי האָבן געהאַט גרויסע שטאַרקע פֿליגלען און פֿון זייערע פּיסקעס האָט געשלאָגן אַ פֿײַער...

גראָד אין דעם מאָמענט האָט עלי דערפֿילט, ווי אויף זײַן קאָפּ איז עפּעס געפֿאַלן. ער איז נישט געווען קיין פּחדן, נאָר ווען מע טראַכט וועגן אַ דראַקאָן, הייבט מען אָן מורא האָבן, און מע פֿאַרמאַכט די אויגן.

– היי, עלי, – האָט ער דערהערט ווי מע רופֿט אים.

עלי האָט אויפֿגעעפֿנט די אויגן און דערזען אַ באַנאַן. דעם באַנאַן האָט געהאַלטן דאָס מאַלפּעלע מאַניע. זי איז ערשט אַראָפּ פֿון דער פּאַלמע. פֿריִער איז זי געזעסן אויבן און זיך צוגעהערט, ווי עלי שרײַט אַרויס די באַקאַנטע נעמען. פּלוצעם האָט זי דערהערט, ״דראַקאָן!״ – און פֿאַרלוירן אַ באַנאַן.

– וואָס טוסטו דאָ, וואָס? – האָט געפֿרעגט די נײַגעריקע מאַניע.

– איך... איך לערן דעם אַלף־בית. – האָט געענטפֿערט עלי.

– וואָס לערנסטו, וואָס?

האָט איר עלי דערקלערט, וואָס אַלף־בית מיינט, און ווי אַזוי איז בעסער פֿאַרגעדענקען די אותיות.

דאָס מאַלפּעלע מאַניע האָט זיך אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט, דערנאָך געזאָגט:

*אויפֿן פּריפּעטשעק ברענט אַ פֿײַערל...*

אין דעם מאָמענט האָט אַריה אויסגעשריִען צו זײַן חבֿר:

– נו, עלי, טו עס! – און עלי, פֿאָלגנדיק דעם חבֿרס עצות, האָט אַרײַנגעשטופּט זײַן שנוק אינעם גרויסן בלעכענעם אויער פֿונעם גראַמאָפֿאָן.

– האָסט זיי געכאַפּט? – האָט געפֿרעגט אַריה.

די קלאַנגען פֿונעם לידעלע האָבן אָנגעהויבן פֿאַרפֿאַלן ווערן, ווי קליינע פֿײַערלעך אין דער פֿינצטער וואָלטן זיך אויסגעלאָשן – איין פֿײַערל נאָך אַ צווייטן – ביז דאָס שיינע לידעלע האָט זיך איבערגעריסן.

– וואָס זאָל איך טאָן איצט, אַריה? – האָט עלי אויסגעפֿאָנפֿעט.

– שלעפּ פּאַוואָליע אַרויס דײַן שנוק, די פֿייגעלעך זאָלן זיך ניט צעפֿליִען! – האָט קאָמאַנדעוועט אַריה.

– איך קען ניט... מײַן שנוק איז געבליבן שטעקן אינעם גראַמאָפֿאָן...

גראָד בײַ די ווערטער עליס האָט זיך אומגעקערט אַהיים דער אַלטער אליהו.

– וואָס קומט דאָ פֿאָר? – האָט ער געפֿרעגט, – וואָס האָט דײַן שנוק פֿאַרלוירן אין מײַן גראַמאָפֿאָן?

געענטפֿערט האָט אַריה:

– עלי האָט געוואָלט כאַפּן די פֿייגעלעך פֿון דער משפּחה אַלף־בית, איז ער אַרײַנגעקראָכן מיט זײַן שנוק אין אײַער גראַמאָפֿאָן, נאָר געבליבן דאָרטן שטעקן – ניט ער אַהין, ניט די פֿייגעלעך אַהער... כ'האָב אים געזאָגט, אַז ער איז צו גרויס...

עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַריה וועט שוין קיין מאָל ניט אויפֿהערן צו רעדן. ס'איז אָבער מיטאַמאָל געוואָרן שאַ־שטיל.

– כ'פֿאַרשטיי שוין אײַערע פֿאַנטאַזיעס, – האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ דער זיידע, און זיך שווער אַוועקגעזעצט אין זײַן ברייטן פֿאָטעל. ער האָט זיך אַ קראַץ געטאָן צווישן די גרויסע אויערן, ווּ עס באַלהאַלטן זיך אויס זײַנע קליגקסטע געדאַנקען און געזאָגט מיט אַ זיפֿץ:

– אַ ברירה האָבן מיר: אָדער לאָזן עלין אָן אַ שנוק, אָדער דעם גראַמאָפֿאָן – אָן עלין.

– בעסער דאָס צווייטע!... – האָבן עלי און אַריה אויסגעשריִען.

אויפֿן וועג אַהיים האָט עלי יעדעס מאָל צוגעטראָגן צו די אויגן דעם שפּיץ פֿון זײַן שנוק, צו זען, צי ער איז אויפֿן אָרט.

– מע דאַרף זוכן אַן אַנדער וועג זיך צו באַקענען מיט דער משפּחה אַלף־בית, — האָט ער געזיפֿצט.

אַריה, אויסער זײַן טבֿע צו רעדן אַ סך, האָט געשוויגן. ער האָט זיך געבייזערט אויף זײַן חבֿר: צו האָבן אַזאַ לאַנגע נאָז, האָט ער געטראַכט, און דורכוואַלגערן אַזאַ גאָלדענעם פּלאַן.

– דו האָסט ניט קיין פֿליגלען!...
דער שנוק בײַם העלפֿאַנדל האָט זיך אומבאַהאָלפֿן אַראָפּגעלאָזט.
– אויב אַזוי, – איז עלי שוין גרייט געווען זיך צעוויינען, – וועל איך קיין מאָל ניט קענען זיך באַקענען מיט דער משפּחה אַלף־בית און פֿאַרשטיין ייִדיש?!
– ס'איז דאָ אַן אַנדער וועג! – האָט שוין אַריה פֿאַנטאַזירט, – די משפּחה אַלף־בית געפֿינט זיך אין דײַן זיידנס גראַמאָפֿאָן פֿאַרשפּאַרט, ווי אין אַ שטײַג...
– דו האָסט דאָך אַליין פֿריִער געזאָגט, אַז זיי פֿליִען אַרויס...
– ריכטיק! – האָט אים איבערגעשלאָגן אַריה, – אָבער ווען פֿליִען זיי אַרויס?
עלי האָט זיך אַ קראַץ געטאָן מיטן שפּיץ־שנוק אינעם קלענערן אויער, ווי זײַן פֿרײַנדס פֿראַגע וואָלט געבליבן שטעקן.
– ווען... ווען... – האָט געשטאַמלט עלי, און סוף־כּל־סוף, אַרויסגעשטאַמלט: – ווען דער זיידע דרייט אָן די שוואַרצע פּלאַטע.
– בינגאָ! ניט אומזיסט איז דײַן זיידע אַ חכם!
– וואָס זשע ווײַטער? – האָט אַ פֿאַרלוירענער געפֿרעגט עלי.
אַריה האָט זיך געשטעלט אויף די פֿיס און פֿעסט אַ זאָג געטאָן:
– מע דאַרף גיין צו דײַן זיידע!
דער וועג פֿון דער זוניקער לאָנקע צו עליס זיידע איז געווען ניט קיין לאַנגער; ער זאָל ווערן נאָך קירצער האָט אַריה געענוי דערציילט דעם חבֿר וועגן זײַן גאָלדענעם פּלאַן. עלי האָט זיך צוגעהערט און זיך געחידושט: מסתּמא, האָט אַריה אויך זייער אַ קלוגן זיידע.
צוגעקומען צו אליהוס ווױנונג, האָט זיך ערשט אַרויסגעוויזן, אַז דער אַלטער איז ניט אין דער היים.
– אפֿשר איז עס אַפֿילו בעסער, – האָט אַריה באַמערקט, – קיינער וועט זיך ניט אַרײַנמישן...
– אָבער מיר ווייסן ניט, ווי אַזוי אָנצודרייען דעם גראַמאָפֿאָן, – האָט זיך אָנגערופֿן עלי.
– דו ווייסט ניט, און איך ווייס יאָ!
זיי זײַנען צוגעקומען צום גראַמאָפֿאָן. די שוואַרצע פּלאַטע איז שוין געהאַט געלעגן אויפֿן קעסטעלע, נאָך פֿון נעכטן, ווען די צוויי חבֿרים זײַנען דאָ געווען. אַריה האָט זיך אָנגעכאַפּט פֿאַרן הענטל בײַ דער זײַט פֿונעם קעסטעלע און עס עטלעכע מאָל אַ דריי געטאָן. דער גראַמאָפֿאָן האָט אויפֿגעלעבט. די פּלאַטע האָט זיך אָנגעהויבן דרייען און ס'האָט זיך דערהערט דאָס באַקאַנטע לידעלע:



# עלי און אַריה זוכן אַ וועג זיך באַקענען מיט דער משפּחה אַלף־בית

העלפֿאַנדל עלי און לייבעלע אַריה זײַנען געלעגן נאַזנדיק אויפֿן סאַמע שפּיץ זוניקן בערגל. ביז אַהער האָבן זיי זיך פֿון דעם בערגל אַראָפּגעקײַקלט, און איצט געקוקט אין הימל אַרײַן. אַז מע קוקט ווײַט־ווײַט אַרויף אין בלאָ, קומען אין קאָפּ פֿאַרשיידענע פֿאַנטאַזיעס.

– ווען איך וואָלט געווען אַ פֿייגעלע, – האָט פֿאַנטאַזירט עלי, – וואָלט איך זיך פֿאַרחבֿרט מיטן פֿייגעלע אַלף און מיט אַלע אַנדערע זײַנע ברידער און שוועסטער פֿון דער משפּחה אַלף־בית.

– אָבער די משפּחה אַלף־בית וווינט דאָך אין דײַן זיידנס גראַמאָפֿאָן, – האָט באַמערקט אַריה.

– ריכטיק...

– דו ביסט צו גרויס, כּדי זיך צו באַזעצן אין דײַן זיידנס גראַמאָפֿאָן! – האָט אַריה דערקלערט זײַן חבֿר.

עלי האָט אַ רגע געשוויגן, נאָך אַלץ טרוימעריש אָנגעשטעלט זײַן בליק אַרויף, ווי ער וואָלט זיך שוין געהאַט געזען פֿליִען, און געזאָגט:

– אַז איך וואָלט געוואָרן אַ פֿייגעלע, וואָלט איך שוין געפֿונען אַ וועג ווי אַזוי אַרײַנפֿליִען אין מײַן זיידנס גראַמאָפֿאָן.

איצט האָט שוין אַריה אַ רגע געשוויגן.

– איך ווייס דעם וועג צו דער משפּחה אַלף־בית! – האָט ער זיך באַרימט.

ער האָט זיך צוגערוקט נענטער צום חבֿר און אים אַײַנגערוימט אינעם קלענערן אויער דעם גרויסן סוד.

– זיי פֿליִען אַרײַן אין דײַן זיידנס גראַמאָפֿאָן מיטן זעלבן וועג, וואָס זיי פֿליִען פֿון דאָרטן אַרויס!

אַוודאי, קיין בעסערער וועג קאָן ניט זײַן. עליס שנוק האָט זיך פֿאַרריסן אַרויף און איז שוין גרייט געווען צו טראָמבען פֿאַר פֿרייד. אָבער אַריה האָט אים אָפּגעשטעלט:

– דיר וועט עס ניט העלפֿן!

– פֿאַר וואָס? – האָט זיך פֿאַרחידושט עלי.



– ווי קאָן מען דען הערן אַ זאַך, אַז מע זעט זי ניט! – האָט אַריה געהויבן זײַנע אַקסלען.
עלי האָט אַ רגע געשוויגן. זעט אויס, אַז זײַן חבֿר איז געווען גערעכט.
– גוט! – האָט ער באַשלאָסן, – לאָמיר גייען צו מײַן זיידן. וועסטו זען דעם גראַמאָפֿאָן און הערן דאָס שיינע לידעלע וועגן "ייִדיש".
גאָר אין גיכן זײַנען שוין ביידע חבֿרים געשטאַנען אַנטקעגן דעם אַלטן אליהו.
– דאָס איז אַריה, מײַן חבֿר, – האָט זיך אָנגערופֿן עלי, און איז באַלד אַריבער צו דער זאַך, – ער וויל זען און הערן דײַן גראַמאָפֿאָן.
דער אַלטער האָט ניט באַלד געענטפֿערט; באַטראַכט אַ ווײַלע זײַן אייניקלס חבֿר, ווי אָפּגעשאַצט, צי ס'איז כּדאַי דעם קליינעם צעשויבערטן לייבעלע ווײַזן אַזאַ אוצר. ענדלעך, האָט ער שטיל געזאָגט:
– אַריה קאַפּויער, עלי פֿאַרקערט.
די חבֿרים האָבן זיך איבערגעקוקט און צוזאַמען געפֿרעגט:
– וואָס מיינט עס?
– אַזוי, קינדערלעך, זאָגט מען אויף ייִדיש.
– דאָס אַלץ? – האָבן עלי און אַריה זיך געחידושט.
– אַלץ און... נאָך אַ ביסעלע... – האָט, ווי זײַן שטייגער איז, אַ שמייכל געטאָן זיך אונטערן שנוק דער אַלטער חכם.
ער האָט אָנגעדרייט דאָס הענטל אויפֿן גראַמאָפֿאָן און ס'האָט זיך דערהערט דאָס שיינע לידעלע וועגן "ייִדיש".
אויפֿן וועג אַהיים האָט אַריה געפֿרעגט בײַ זײַן חבֿר:
– ווי אַזוי האָט דײַן זיידע גלײַך דערקענט, אַז איך טו אַלץ קאַפּויער, און דו – פֿאַרקערט?
עלי האָט ניט באַלד געענטפֿערט. ווי אַ חכמס אייניקל האָט ער געוואַרט צו פֿאַלן אויף אַ געדאַנק. און ער איז געפֿאַלן:
– מסתּמא, איז עס בײַ אונדז אָנגעשריבן אויפֿן פּנים...
אַריה האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:
– מסתּמא... – און צוגעגעבן: – אַ שאָד נאָר, וואָס פֿון דעם שיינעם לידעלע "ייִדיש" ווערט מען ניט זאַט!



– כ׳מיין, ער איז בײַ דיר איצט פּונקט קאַפּויער...

– קאַפּויער? – האָט איבערגעפֿרעגט אַריה.

– נו יאָ... דאָרט, ווו עס דאַרפֿן זײַן דײַנע פֿיס, געפֿינט זיך דער קאָפּ, – האָט עלי זיך פֿאַרחידושט. ער אַליין האָט עס פֿאַרשטאַנען ערשט איצט.

– אויב אַזוי, – האָט אַריה זיך דערפֿרייט, – ווייס איך שוין ווי עס זעט אויס דאָס פֿאַרקערטע פֿון קאַפּויער!

ער האָט זיך געשטעלט אויף זײַנע פֿיר פֿיס, אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי געוואָלט זיך איבערצײַגן, אַז ער איז שוין ווידער אויפֿן אָרט, און געזאָגט:

– דײַן זיידע איז טאַקע אַ גרויסער חכם! – זיך אַרומגעקוקט, האָט אַריה פֿאָרגעלייגט: – לאָמיר אַרויפֿקריכן אָט אויף יענעם בערגל און זיך פֿון דאָרט אַראָפּקײַקלען.

עלי האָט זיך אַ קראַץ געטאָן מיטן שפּיץ־שנוק צווישן די אויערן, פּונקט ווי זײַן זיידע טוט עס, ווען ער וויל אַרויסקראַצן אַ קלוגן געדאַנק.

– איך וויל דיר דערציילן וועגן דעם פֿייגעלע אַלף... – האָט ער זיך אָנגערופֿן.

– פֿייגעלעך האָב איך ניט ליב, – האָט אים באַלד אָפּגעהאַקט זײַן חבֿר, – זיי האָבן פֿליגלען און ס׳איז זיי שווער צו כאַפּן.

– דאָס פֿייגעלע אַלף, איז ניט אַזאַ פֿייגעלע ווי אַלע אַנדערע... – האָט עלי געפּרוּווט צו דערקלערן עפּעס זײַן חבֿר, – עס זינגט וועגן "ייִדיש".

– "ייִדיש"?... וואָס איז דאָס, מע קען עס עסן?

עלי האָט אָנגעבלאָזן זײַן שנוק. אַ סימן, אַז ער בייזערט זיך.

– שטענדיק רעדסטו נאָר וועגן עסן!

אַריהן האָט עס ניט געאַרט. פֿאַרשטייט זיך, די העלפֿאַנדן זײַנען וועגעטאַריער. זיי עסן ניט קיין פֿלייש. ס׳איז גענוג זיי אויסשטרעקן זייער שנוק צו אַ בוים מיט בלעטער, האָבן זיי שוין וואָס צו קײַען אַ גאַנצן טאָג.

– מילא... בלאָז זיך ניט אויף מיר, עלי, – האָט אַריה זיך אַ רײַב געטאָן מיט זײַן ברייטער נאָז אינעם חבֿרס בויך, – אַז מע קאָן עס ניט עסן, וואָס זשע איז עס אַזוינס, "ייִדיש"?

– "ייִדיש" איז אַזאַ שיין לידעלע, וואָס וווינט אין מײַן זיידנס גראַמאָפֿאָן.

– "גראַמאָפֿאָן"?... איך האָב קיין מאָל אַזאַ זאַך ניט געזען.

– אַ גראַמאָפֿאָן דאַרף מען הערן...



# ווי אַזוי עס זעט אויס דאָס פּאַרקערטע פֿון קאַפּויער

אין אַ טאָג איז העלפֿאַנדל עלי געקומען אויף דער זוניקער לאָנקע, וווּ עס שפּילן זיך זײַנע פֿרײַנד. דאָ איז שטענדיק לעבעדיק און פֿריילעך. ניט זעלטן האָט זיך אַ שפּיל געקאָנט אויסלאָזן אין אַ געשלעג. קיינער האָט זיך אָבער אויף דעם ניט אומגעקוקט, ווײַל צווישן קינדער פֿון חיות איז עס אַ געוויינטלעכע זאַך. דערצו פֿלעגן זיך די שלעגער גיך איבערבעטן און פֿאַרגעסן אין זייער קריגערײַ.

דערזען זײַן חבֿר, איז עלי צו אים צוגעקומען און געבליבן שטיין. לייבעלע אַריה איז געווען זײַן בעסטער חבֿר, און עלי האָט זיך געאײַלט אים וואָס גיכער צו דערציילן וועגן דעם פֿייגעלע אַלף, וועגן דעם לידעלע "ייִדיש" און דעם זיידנס ווונדערלעכן גראַמאָפֿאָן. נאָר זײַן חבֿר איז געשטאַנען מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פֿיס אַרויף. עלי האָט, נעבעך, ניט געוווּסט צו וועמען ער דאַרף רעדן.

– דאָס ביסטו, אַריה? – האָט ער פֿאַרחידושט געפֿרעגט.

– מ־מ־מע... – האָט אויסגעמעקעט אַריה.

– פֿאַר וואָס זשע שטייסטו קאַפּויער?

– מ־מע... – האָט ווידער אָנגעהויבן מעקען אַריה, ביז ער האָט אַרויסגעקוועטשט צווישן די ציין, – איך וויל וויסן ווי דאָס פּאַרקערטע פֿון קאַפּויער זעט אויס...

– איך פֿאַרשטיי ניט וואָס דו רעדסט? – האָט זיך קוים אײַנגעהאַלטן עלי.

– מײַן מ־מאַמע זאָגט, אַז איך טו אַלץ קאַפּויער... וויל איך זען, ווי עס זעט אויס דאָס פּאַרקערטע פֿון קאַפּויער...

– וואָס זשע זעסטו? – האָט מיט נײַגער געפֿרעגט עלי.

– דײַ־דײַ־דײַנע פֿיס... – האָט קוים געזאָגט אַריה.

– פֿיס?.. ריכטיק... – האָט זיך דערפֿרייט עלי, – און פֿון וואַנען זיי וואַקסן, זעסטו?

– יאָ... פֿון דיר, עלי...

– אַז מע זעט פֿון וואַנען די פֿיס וואַקסן, זאָגט מײַן זיידע, האָט מען אַ קאָפּ!

אַריה האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך זיך אָנגערופֿן:

– ווּ זשע איז מײַן קאָפּ?



– אָט איז ער! – האָט דער אַלטער אַרויסגעשלעפּט פֿון דאָרט אַ פֿאַרשטויבט קעסטעלע מיט אַ ריזיק־בלעכענעם אויער בײַ דער זײַט, נאָך גרעסער ווי בײַ אים אַליין.

עלי האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ זײַט:

– וואָס איז דאָס? – האָט ער פֿאָרזיכטיק געפֿרעגט. דער זיידע האָט אַ בלאָז געטאָן אויף דעם קעסטעלע, און איצט האָט שוין עלי אַ ניס געטאָן.

– דאָס איז אַ גראַמאָפֿאָן! – האָט שטאָלץ געזאָגט דער אַלטער אליהו. – אמת, אַ גראַמאָפֿאָן אָן אַ פּלאַטע איז דאָס זעלבע, וואָס אַ העלפֿאַנד אָן שטויסציין.

זײַן געקנייטשטער שנוק איז ווידער אַרײַן אינעם פֿינצטערן ווינקל און זיך באַוויזן מיט אַ שוואַרצער פֿלאַכער זאַך, וואָס ער האָט אַרויפֿגעלייגט אויפֿן קעסטעלע.

– דײַן באָבע, זאָל זיך מיִען, האָט זייער ליב געהאַט דאָס לידעלע.

עלי האָט מיט גרויסע נײַגעריקע אויגן געקוקט, ווי דער זיידע דרייט אָן דאָס הענטל בײַ דער זײַט פֿונעם גראַמאָפֿאָן. דערנאָך האָט זיך פֿונעם גרויסן בלעכענעם אויער דערהערט אַ זשום, ווי אַ גרויסע מחנה מאָסקיטן וואָלטן פֿון דאָרטן אַרויסגעפֿלויגן. מיט אַ מאָל האָט אַ שטיל ציטערדיק קולכל אָנגעהויבן זינגען:

*אויפֿן פּריפּעטשעק ברענט אַ פֿײַערל און אין שטוב איז הייס,*
*און דער רבי לערנט קליינע קינדערלעך דעם אַלף־בית...*

– אַלף! – האָט עלי זיך אָנגעכאַפּט פֿאַרן באַקאַנט וואָרט, – אַזוי הייסט דאָך דאָס שיינע פֿייגעלע פֿון מײַן חלום?!

אַהיים איז עלי געגאַנגען אַ גליקלעכער. איינצלנע שטערנדלעך האָבן זיך קוים אָנגעזען צווישן די ברייטע ביימער־קרוינען. אים איז אָבער גענוג געווען אַפֿילו אַן איין און איינציק שטערנדל, ער זאָל אים קענען פֿאַרטרויען דעם גרויסן סוד: איצט ווייסט ער, וווּ עס וווינט דאָס פֿייגעלע אַלף.

– עס האָט זיך געמאַכט אַ נעסט אין מײַן זיידנס גראַמאָפֿאָן. – האָט דערציילט עלי דעם שטערנדל, – עס וווינט דאָרט מיט אַנדערע פֿייגעלעך פֿון דער משפּחה אַלף־בית... דער זיידע זאָגט, אַז ווען איך וועל זיך מיט זיי אַלע באַקענען און זיך פֿאַרחבֿרן, וועל איך פֿאַרשטיין, וואָס מיינט עס, "ייִדיש"...

דאָס ווײַטע שטערנדל האָט צו עלי געפֿינקלט, זיך געפֿרייט אין איינעם מיט אים, און מסתּמא, אַ ביסעלע מקנא געווען.



דער אַלטער חכם האָט אַ שמייכל געטאָן זיך אונטערן שנוק. אַ ווײַלע האָט ער געשוויגן, ווי ער וואָלט ווידער אײַנגעדרעמלט, און פּלוצעם אַ ניס געטאָן.

– צו געזונט, זיידע!

– אַ דאַנק... אַ ניס איז אַ סימן, אַז מע לעבט, – האָט דער אַלטער זיך נאָך ברייטער צעשמייכלט.

– וואָס מיינט עס? – האָט ווידער געפֿרעגט עלי.

– אַזוי זאָגט מען אויף ייִדיש... הער מיט קאָפּ:

*ערגעץ אין דזשאָנגל האָט אַ העלפֿאַנד גענאָסן,*

*געפּלאַצט אויף אַ צווײַגל אין גאָרטן די קנאָספּן.*

עלי איז אונטערגעשפּרונגען פֿאַר פֿרייד. ער האָט געשײַנט ווי אַ שטראַל אויף דער לאָנקע, אַרומגערינגלט מיט דעם דזשאָנגל־געדיכטעניש.

– כ'האָב פֿריִער ניט געוווּסט, אַז ווען אַ העלפֿאַנד גיט אַ ניס, קומט דער פֿרילינג אויף דער וועלט!

דער אַלטער אליהו האָט שטיל צוגעשאָקלט מיט זײַן קלוגן קאָפּ, ווי עס פּירט זיך בײַ די חכמים, וואָס ווייסן אַ ביסל מער איידער זיי זאָגן. דאָס אייניקל זײַנס האָט שוין צוגעגרייט פֿאַר אים אַ צווייטע קשיא:

– אפֿשר ווייסטו אויך, זיידע, ווי דאָס קליינע פֿייגעלע הייסט, וואָס האָט מיר אַרײַנגעזונגען אינעם אויער דאָס לידעלע "ייִדיש"?

– איך בין אין דײַן חלום ניט געווען, – האָט געענטפֿערט דער אַלטער, – ווי זשע קען איך עס וויסן...

דערזען, אַז זײַן אייניקל האָט זיך אויפֿגעהערט צו פֿרייען, האָט דער זיידע צוגעגעבן:

– געשיקט זיך, אַז לויט די אַלע סימנים, וואָס דו האָסט מיר אויסגעמאָלט, הייסט דאָס פֿייגעלע, "אַלף"...

"אַלף"! – האָט עלי הויך איבערגעחזרט נאָכן זיידן, – ווו ווינט עס? ווו קען איך עס אָפּזוכן, דאָס פֿייגעלע אַלף?

– אַ גוטע שאלה... – האָט שווער אָפּגעזיפֿצט דער זיידע.

מיטן שפּיץ־שנוק האָט ער זיך אָנגעהויבן קראַצן צווישן די אויערן, וואָס האָבן לײַכט געפֿאָכעט, אָפּטרײַבנדיק די בייזע מאָסקיטן. סוף־כל־סוף, האָט ער געזאָגט:

– אַז מע טראַכט, פֿאַלט מען אויף אַ געדאַנק.

נאָך די ווערטער האָט ער, ניט רירנדיק זיך פֿון אָרט, אויסגעצויגן זײַן שנוק און אָנגעהויבן מיט אים צו נישטערן אין אַ פֿינצטערן ווינקל.



# דער חלום פֿון העלפֿאַנד עלי

וויַיט אין דזשאָנגל האָט געלעבט אַ קליין העלפֿאַנדל מיטן נאָמען עלי. אַ העלפֿאַנדל ווי אַלע אַנדערע העלפֿאַנדלעך, סײַדן בײַ אונדזער עלי איז איין אויער געווען קלענער פֿונעם צווייטן.

איין מאָל האָט עלי זיך פּלוצעם אויפֿגעכאַפּט אין מיטן דער נאַכט. וואָס איז? עס האָט זיך אים געחלומט, ווי אַ קליין פֿייגעלע זינגט אים אַרײַן אין אויער אַ שיין לידעלע, וואָס האָט נאָר איין וואָרט – "ייִדיש". ער האָט דערפֿילט אַ שטאָך אין האַרץ און זיך באַלד אויפֿגעכאַפּט.

עלי האָט זיך אַ קראַץ געטאָן מיטן שנוק אינעם קלענערן אויער. אַהין האָט אים דאָס פֿייגעלע אַרײַנגעזונגען דאָס אומבאַקאַנטע לידעלע "ייִדיש", גלײַך ווי ער וואָלט עס געקאָנט אַרויסשלעפּן און באַטראַכטן. ער האָט דאָס וואָרט ווידער דערהערט, נאָר שוין פֿון אינעווייניק, פֿון דעם זעלבן אָרט, ווו ס'האָט אים פֿריִער געגעבן אַ שטאָך.

דעם גאַנצן טאָג איז עלי אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַרחלומטער. וועמען ער זאָל ניט געווען פֿרעגן, וואָס מיינט עס, דאָס וואָרט "ייִדיש", האָט עס קיינער קיין מאָל ניט געהערט און ניט געוווּסט. שוין פֿאַר נאַכט איז ער אָנגעקומען צו זײַן זיידע אליהו און האָט בײַ אים געפֿרעגט, צי ער ווייסט ניט, וואָס מיינט עס, דאָס וואָרט, "ייִדיש"?

דער אַלטער אליהו האָט געשמט איבער גאַנץ דזשאָנגל מיט זײַן חכמה. פֿון די וויַיטסטע און פֿינצטערסטע ווינקעלעך פֿלעגט מען שיקן צו אים שליחים צו פֿרעגן אַן עצה אָדער באַקומען אַ תּשובֿה אויף אַ שאלה. און כאָטש צומאָל פֿלעגט דער אַלטער העלפֿאַנד אײַנדרעמלען, האָבן זײַנע גרויסע ברייטע אויערן זיך שטיל געשווענקט אין דער ציכטיקער לופֿט, אויפֿכאַפּנדיק יעדן זיפֿץ און קרעכץ פֿונעם שליח.

אויך איצט האָט ער אויסגעהערט זײַן אייניקל מיט האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן. ווען עלי האָט אָבער אַרויסגעבראַכט אויף אַ קול דאָס וואָרט "ייִדיש", האָבן דעם אַלטנס אויערן אויפֿגעציטערט.

– וי... – האָט ער אָפּגעזיפֿצט, – און צוגעגעבן, – וי און ווי...

– וואָס מיינט עס? – האָט געפֿרעגט עלי.

– עס מיינט, מײַן קינד, ייִדיש.

– דאָס אַלץ מיינט ייִדיש? – האָט זיך געחידושט עלי.

– אַלץ און... נאָך אַ ביסעלע...

# פֿייגעלע אַלף
# פֿונעם אַלטן
# גראַמאָפֿאָן



דער געמיינזאַמער פּראָיעקט פֿונעם אינטערנעץ־זשורנאַל ״ייִדיש בראַנזשע״, דער צײַטונג ״ביראָבידזשאַנער שטערן״ און דעם ביראָבידזשאַנער צענטער פֿאַר קינדער־שאַפֿונג.

# ייִדיש בראַנזשע
# Yiddish Branzhe

ביראָבידזשאנער שטערן

Биробиджанер штерн

קאָאָרדינאַטאָר פֿונעם פּראָיעקט: יעלענאַ סאַראַשעווסקאַיאַ

דאָס בוך איז אָפּגעדרוקט אויף די געלטמיטלען פֿונעם גראַנט פֿונעם פּרעזידענט פֿון דער רוסלענדישער פֿעדעראַציע פֿאַרן אַנטוויקלען די ציווילע געזעלשאַפֿט.

שותּפֿים פֿונעם פּראָיעקט: די אָרגאַניזאַציע ״היסטאָריש־קולטורעלע ירושה פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט״ און די ביראָבידזשאַנער ייִדישע קהילה ״פֿרייד״.

Фрейд

אָפּגעדרוקט אין דער דרוקערײַ ״אָמעגאַ־פּרעס“, שט. כאַבאַראָווסק. טיראַזש: 200 עקזעמפּליאַרן.



# העלפֿאַנד עלי און קלעפּטשיק־בעבטשיק


מחבר:
באָריס סאַנדלער




איבערזעצער: יעלענאַ סאַראַשעווסקאַיאַ

גראַפֿיקער: טאַטיאַנאַ איסטאָמינאַ

2018